# כיבוד אב ואם

ביאורים הלכות וסיפורים בעניין כיבוד אב ואם

בס"ד • פרשת בהר בחוקותי—במדבר שנת תשפ"א לפ"ק • גליון מס10

## דבר העורך

טייערע ליינערס!

עס איז געשמאק און איינגענעם צו אנהויבן מיט פריילעכע זאכן, אבער די פאסירונג וואס האט פאסירט גייט נישט אוועק פון אונזערע אויגן און פון אונזער זכרון, דער ווייטאג איז מיט זיין פולע שטארקייט יעדער איינער פראבירט טראכטן זיך מתבונן זיין וואס דארפן מיר פאריכטן און וואס קען מען זיך פארבעסערן, וואס וויל אונז דא מרמז זיין דער אויבערשטער ?

אפשר זיך דער ווייטרן פון מחלוקת אפשר זיך מחזק זיין אין צניעות, אדער גאר זיך אפשיידן פון די רשעים וכו' וכו', הלואי ווען אונז וואלטן באמת געוואסט אבער איין זאך איז אונז אלעמען קלאר, אז יעדע נישט גוטע פעולה וואס א מענטש טוהט איז משפיע אויף די וועלט עד כדי כך אז עס קען צוברענגען צו אזא גרויסן אומגליק רח"ל.

טייערע ליינערס געדענקט! מידה טובה מרובה.

אויב פון נישט גוטע פעולות האט מען געקענט צוקומען צו אזא גרויסן אומגליק איז אוודאי און אודאי וויפל גוטע השפעות קען מען ברענגען אויף די וועלט מיט יעדע גוטע מעשה, מיט יעדע שמייכל צו א איד, מיט יעדער דאוונען מיט מער חיות און כונה, מיט יעדער מצוה וואס מען וועט מאכן מיט מער חשק און שמחה, לאמיר עס אריינעמען אין הארץ און צוזאמען זיך שטארקן אין וואס מען קען און בפרט אין די גרויסע חשובע באליבטע מצוה מצות כיבוד אב ואם, וואס די תורה האט איר געגעבן א חשוב'ן פלאץ ביי די עשרת הדברות.

מען וועט אייך ברענגן א קורצע מעשה פון די גמרא וואס פון די מעשה קען מען זעהן ווי ווייט איז די השפעה פון יעדער קליין פרט און פרט און א מצוה וואס מען טוהט.

עס ווערט דערציילט אין גמרא כתובות דף ס"א אויף 2 חסידים וואס האבן מקפיד געווען אויף די הלכה פון צו געבן עסן דעם שמש [דער באדינער] פון אלע מאכלים וואס מען האט צוגעגרייט צו די סעודה, אבער איינער פון זיי האט צו געגעבן צו די הלכה און געזעהן אז דער שמש זאל עסן פון אלע מאכלים נאך פאר די סעודה, דער צווייטער חסיד איז איהם געווען גענוג אז פאר די סעודה עסט דער שמש צו דער זעט, און נאך די סעודה האט ער איהם געגעבן פון אלע מאכלים, פארענדיגט די גמרא אז דער וואס האט מקפיד געווען צו געבן פון אלע מאכלים פאר די סעודה האט זוכה געווען אז אליהו הנביא האט זיך באוויזן צו איהם און ער איז געווען געוואוינט צו קומען צו איהם און רעדן מיט אים, אין דער צייט וואס דער צווייטער האט נישט זוכה געווען.

מוראדיג! נאך אביסל געפיל צו א מענטש און אזעלכע גרויסע תוצאות גלוי אליהו.

יה"ר מיר זאלן זוכה זין צו טאהן וואס מער גוטע מעשים מיט אלע פרטים און דקדוקים און ברענגען גוטע השפעות אויף דער וועלט.

שלכם העורך

## בהוצאת הגליון נטלן חלק

להצלחת

משה יצחק בן חוה פעסיל

נשמח לשמוע מכם הארות והערות או הצעות לשיפור הגליון בטלפון מס' 0583218428

לקבלת הגליון או להפצתו התקשרו למס' 0583218428

לקבלת הגליון במייל באופן קבוע, שילחו בקשה לכתובת: k.avvaem@gmail.com

הוצאות הגליון מרובות אנו מבקשים מכל מי שביכלתו לקחת חלק בהפצת והדפסת גליון זה

# ביאורים והלכות

**לענות לשיחה ממתינה כשמדבר עם אביו בטלפון.**

**שאלה:** כ) מי שמדבר עם אביו בטלפון, מהו לענות ביע"פ (שיחה ממתינה) לאחר באמצע השיחה עם הוריו.

**תשובה:**

נראה דהוא בכלל מורא ואסור להפסיק באמצע, כיון שמראה בזה שאינו משגיח ודורך על מה שאביו אומר לו עכשיו ומפסיק באמצע דבריו, שהוא דומה לסותר דברי אביו דאסור, אכן נראה דאם הוא נחוץ מאד כגון בעניני שידוכים או במקום הפסד יכול לבקש רשות מאביו ובודאי יבין מעצמו למחול ואב שמחל על כבודו כבודו מחול, ובפרט דמנחיצות הענין נראה בזה דאינו מזלזל לבלי להשגיח בדברי אביו.

---

**אם אביו מתקשר אליו באמצע שיחתו בטלפון, האם צריך להפסיק מיד כדי לשוחח עם אביו.**

**שאלה:**

כד) מי שמדבר בטלפון ובאמצע השיחה מתקשר אביו, האם מחוייב לענות לו.

**תשובה:**

נראה דבזה קיל טפי דלא נראה כ"כ כמי שאינו משגיח בדברי אביו, דבזה הרי אינו מפסיק וסותר את דברי אביו, דגם אביו מבין שהוא טרוד בשיחתו ואילו ידע מקודם לא היה מתקשר באמצע שיחתו, אלא דמ"מ לא יאריך בשיחתו ויראה לקצר כפי האפשר, ובפרט במקום שאביו נצרך לו הרי הוא ג"כ בכלל כיבוד שעי"ז יעשה לו מה שאביו צריך, וא"כ בודאי צריך לקצר דבריו כשמשער שנצרך לו עכשיו.

# סיפורים

## צום הונדערטסטן געבורטסטאג

אין דער איסט סייד פון מאנהעטן ניו יארק, האט געוואוינט א איד, ר' **אפרים שווארץ** ע"ה, וואס פלעגט דאווענען אין בית המדרש הגדול פון הרב הגאון ר' אפרים אשרי זצ"ל. ער פלעגט אויפשטיין אין די גאר פריע פארטאגס - שעה'ן און איז געווען דר ערשטער מענטש צו קומען און עפענען דאס בית המדרש.

ביי ר' אפרים איז דאס געווען נאטירליך, און מענטשן וואס האבן אים געקענט צענדליגער יארן האבן זיך זייער געוואנדערט צו ווערט ר' אפרים נישט עלטער ? מען זעט נישט אויף אים קיין שום סימן פון זיך פארעלטערן. ער איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאן, און דאך איז ער געגאנגען שנעל און פלינק, אן קיין שום שוואכקייט. אפילו קיין ברילן האט ער נישט געדארפט. אויך האט ער נאך געהאט אלע ציינער אין מויל, קיין איין צאן האט נישט געפעלט. "נו, ווי אלט איז ער טאקע ? פלעגן זיך מענטשן ארום אים שושקענען, אבער עס איז געווען א פארהוילענע זאך, קיינער האט נישט געוואוסט דעם ענטפער.

המשך בעמוד הבא>>>

‹‹‹‹המשך מעמוד קודם

די יארן זענען געלאפן, און ר' אפרים איז נאך אלץ געלאפן, געזונט אין פריש, יעדן פארטאגס 500 אזייגער און געעפענט דאס בית המדרש. אויסער דער ווייסער בארד, וואס האט צוגעגעבן צו זיין הדרת פנים, האט ער נישט געהאט קיין שום סימן פון פארעלטערטקייט.

איין טאג נאכ'ן דאווענען שחרית האט דער גבאי אויסגערופן: ר' אפרים שווארץ לאדנט איין אלע מתפללים צו דער גרויסער סעודה וואס וועט פארקומען היינט ביינאכט נאך מעריב דא אין בית המדרש".

"וואס איז דער יו"ט ביי אייך, ר' אפרים ? מאכט איר אפשר א סיום הש"ס ? האבן די מתפללים אים געפרעגט.

"איך מאך א סעודה לכבוד מיין געבורטסטאג", האט ר' אפרים געענטפערט.

דער נייגער ביים עולם איז יעצט געווארן נאך שטארקער. צום ערשטן מאל מאכט יעצט ר' אפרים א סעודה צו זיין געבורטסטאג. מה נשתנה ? פונעם וויפלטן געבורטסטאג רעדט מען טאקע ? האבן זיך געהערט דערויף פארשידענע מיינונגען. איינער האט געזאגט אז לויט'ן חשבון דארף ר' אפרים זיין קרוב צו די שמונים, און אן אנדערער האט געזאגט אז ער איז שוין גאר א בן תשעים. נו איז געבליבן צוצוווארטן ביז ביינאכט ווען דער סוד וועט נתגלה ווערן.

עס איז געקומען ביינאכט, און יעדער האט געמאכט זיכער צו זיין ביי דער סעודה. אינמיטן דער סעודה האט זיך ר' אפרים אויפגעשטעלט, און עס איז געווארן שא-שטיל ר' אפרים האט אנגעהויבן צו רעדן: מורי ורבותי! יעצט איז געקומען די צייט, אז איך זאל אייך לאזן וויסן דאס, וואס איר זענט נייגעריג געווען צו וויסן א סאך יארן.

דער רבונו של עולם האט געגעבן א מצוה פון כיבוד אב ואם, האט ר' אפרים געזאגט. זאל איך זאגן אז איך האב עס מקיים געווען איינגאנצן ווי עס דארף צו זיין דאס קען איך נישט. אבער צוויי זאכן קען איך קלאר זאגן: ערשטנס, איך האב קיינמאל נישט געזאגט פאר מיינע עלטערן דאס ווארט ניין, אדער אז איך וויל נישט, אלץ וואס זיי האבן מיר געהייסן האב איך געטון מיט גרויס חשק, אפילו ס'איז א סאך מאל געווען זייער שווער.

די צווייטע זאך איז, אז ווען מיינע עלטערן זענען שוין געווארן אלט און שוואך, האב איך זיי אויסגעהאלטן, געגעבן פון מיין געלט, עסן טרינקען און אלע זייערע באדערפעניש.

און ר' אפרים האט אויסגעפירט מיט התרגשות און שמחה: די תורה הק' זאגט צו למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך. היינט איז מיין הונדערסטער געבורטסטאג, איך בין ב"ה געזונט און פריש אין אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים. אפילו איין צאן פעלט מיר נישט, דאס איז געוויס אין זכות פון מקיים זיין כיבוד אב ואם.

די רייד האבן איבער געלאזט א טיפן איינדערוק אויף די פארזאמלטע, וועלכע האבן געזען בחוש ווי ס'איז מקויים געווארן ביי ר' אפרים דאס וואס שטייט: אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה... כיבוד אב ואם.

# סיפורים

## מעלות קומען פון די עלטערן

ביים ענין פון אנערקענען די מעלות פון די עלטערן, איז דא נאך א זייער וויכטיגע און טיפע נקודה וואס מען דארף גדענקען: יעדער מענטש האט מעלות, אבער די טבע פון א מענטש איז אז ער האט ליב צו נעמען דאס פאר ד'ינסט פון זיינע מעלות פאר זיך ער רעדט זיך איין אז ער האט אליין פארדינט זיינע גוטע אייגנשאפטן, דער אמת איז אבער, אז די מעלות פון א קינד נעמען זיך אפט פון זיינע אלטערן, דעריבער דארף מען זען די מלעלות פון די עלטערן, פונקט ווי מען טרעפט די מעלות ביי זיך אליין.

## א **בריוו צו דער מאמע בדחילו ורחימו**

ר' ש.א.א. האט דערציילט: זייענדיג גאר נאענט מיט ר' א.מ. ז"ל פון די חשוב'ע אלטע סקווירער חסידים איז מיר אויסגעקומען אסאך מאל מיט צו האלטן ווי אזוי דער איד איז מקיים די גרויסע מצוה פון כיבוד אב ואם.

זיין מאמע האט געוואוינט אין בני ברק און צוליב דעם וואס עס האט דעמאלט געקאסט זייער טייער צו רופן אויפ'ן טעלעפאן קיין אויסלאנד, האט ער זיך נישט געקענט ערלויבן איר צו רופן מער ווי צוויי מאל א יאר, ערב פסח און ערב סוכות, און ער האט גערעדט נאר געציילטע מינוטן.

צוליב דעם האט ער זיך אונטער גענומען א פעסטן מנהג, איר צו שרייבן א בריוו יעדע איינציגסטע וואך, עס איז געווען זייער איינדרוקספול צו זען דעם אופן ווי אזוי ער איז צוגעגאנגען יעדע מאל צו דער דאזיגער מצוה.

צו ערשט האט ער זיך געוואשן די הענט, און באלד דערויף האט ער זיך אנגעטון די בעקישע, דעם שבת'דיגן גארטל און א ספעציעל - שיינעם הוט.

דערנאך האט ער געזאגט מיט גרויס כוונה: הנני מוכן ומזומן לקיים מצו עשה של כבד את אביך ואת אמך, ושל איש אמו ואביו תיראו, לייחד שם י"ה בו"ה בייחודא שלים בשם כל ישראל, והשם הטוב יעזור לי שאזכה לקיימו בשלימות הטוב, אמן ואמן.

ערשט נאך די אלע הכנות, האט ער זיך אוועק געזעצט אין זיין שבת שטוב (דיינינג רום) און געשריבן דעם בריוו.

מיין פרינט.
דפוס דיגיטלי 02-6435110